בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

גִּלָּיוֹן


# שִׁיעוּרֵי חִינוּךְ

אִידִישׁ

**פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א**

פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת אוּן הַדְרָכוֹת פַאר עֶלְטֶערְן, מְלַמְּדִים, מְחַנְּכִים אוּן מְחַנְּכוֹת

גליון צ"ד

מוסדות היכל הקודש ברסלב

פרשת בשלח - שירה
שנת תשפ"ה


## שִׁיעוּרִים אִין חִינוּךְ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

## מְלֶאכֶת שָׁמַיִם

**מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף בְּרֶענְגֶען מִיר אַייךְ דֶעם עֶרְשְׁטְן חֵלֶק פוּן אַ שִׁיעוּר וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעגֶעבְּן פַאר מְחַנְּכִים, פַּרְשַׁת לֶךְ לְךָ שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן.**

אֵיידֶער דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן דֶעם שִׁיעוּר הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה גֶעזִינְגֶען דֶעם נִיגוּן: **"וְנִהְיֶה אֲנַחְנוּ וְצֶאֱצָאֵינוּ, וְצֶאֱצָאֵי צֶאֱצָאֵינוּ, וְצֶאֱצָאֵי עַמְּךָ בֵּית יִשְׂרָאֵל, כֻּלָּנוּ יוֹדְעֵי שְׁמֶךָ, וְלוֹמְדֵי תוֹרָתְךָ לִשְׁמָהּ"**.

### דִי שִׁיעוּרִים זֶענֶען פַאר אַלֶע מְלַמְּדִים אוּן לֶערֶערִינְס

בְּרוּכִים הַבָּאִים בְּשֵׁם הַשֵּׁם בֵּרַכְנוּכֶם מִבֵּית הַשֵּׁם, מַיינֶע טֵייעֶרֶע חָשׁוּבְ'ע מְלַמְּדִים תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ, בְּאֶרֶץ הַקּוֹדֶשׁ וְדִי בְּכָל אֲתַר וַאֲתַר. זֶה הַיּוֹם עָשָׂה הַשֵּׁם נָגִילָה וְנִשְׂמְחָה בוֹ, עֶס אִיז מִיר אַ גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה אַז עֶס קוּמֶען זִיךְ צוּזַאם צוּם 'אֲסִיפַת מְלַמְּדִים' אוּנְזֶערֶע טֵייעֶרֶע אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע, מְלַמְּדִים, מְנַהֲלִים אוּן מַגִּידֵי שִׁיעוּר פוּן יְרוּשָׁלַיִם, בְּנֵי בְּרַק אוּן טְבֶרְיָה.

דֶעם הַיינְטִיגְן דְּרָשָׁה גֶעבּ אִיךְ סְפֶּעצִיעֶל פַאר דִי אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אָבֶּער אִיךְ בֶּעט פוּן דִי אַנְדֶערֶע מְנַהֲלִים פוּן דִי אַנְדֶערֶע שְׁטֶעט, אַלֶע זָאלְן גֶעבְּן צוּ הֶערְן דֶעם שִׁיעוּר פַאר דִי אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע; אוֹיךְ דִי מְנַהֶלֶתְ'ן פוּן בֵּית פֵּיגָא זָאלְן גֶעבְּן צוּ הֶערְן דֶעם שִׁיעוּר פַאר אַלֶע אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע פוּן בֵּית פֵּיגָא, וַוייל וָואס מֶען רֶעדְט צוּ דִי מְלַמְּדִים, מֵיינְט מֶען אוֹיךְ דִי מְחַנֶּכֶתְ'ן וָואס לֶערְנֶען מִיט אִידִישֶׁע טֶעכְטֶער.

### דִי מְלַמְּדִים זֶענֶען מְבַטֵּל אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע גְזֵירוֹת

דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (מַסֶּכֶת כַּלָּה רַבָּתִי, פֶּרֶק ב) אַ פַּחַד פוּן אַ זַאךְ: יֶעדְן טָאג גֵייט אַרוֹיס אַ מַלְאָךְ פוּן הִימְל צוּ פַארְלֶענְדְן דִי וֶועלְט, וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז 'הַמֵּאִיר לָאָרֶץ וְלַדָּרִים עָלֶיהָ בְּרַחֲמִים', דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער שִׁיקְט אַרוֹיס דֶער זוּן יֶעדְן צוּפְרִי צוּ בַּאלַייכְטְן דִי וֶועלְט, אוּן עֶס זֶענֶען דָאךְ דָא בִּילְיָאנֶען מֶענְטְשְׁן וָואס דֶערְצֶערְנֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. עֶס זֶענֶען דָא אִיבֶּער 'זִיבְּן בִּילְיָאן' מֶענְטְשְׁן אוֹיף דֶער וֶועלְט, אַ טֵייל גְלֵייבְּן אִינֶעם 'אוֹתוֹ הָאִישׁ' יִמַּח שְׁמוֹ, אַ טֵייל גְלֵייבְּן אִין אַנְדֶערֶע גֶעטְשְׁקֶעס, אַנְדֶערֶע גְלֵייבְּן אִין גָארְנִישְׁט, זֵיי זֶענֶען סְתַּם מִינִים וְאַפִּיקוֹרְסִים, נָאכְדֶעם זֶענֶען דָא דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער וָואס גְלֵייבְּן אִינֶעם הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער אָבֶּער דָאס אִיז זֵייעֶר אַ קְלֵיינֶע פְּרָאצֶענְט אַנְטְקֶעגְן דִי אַלֶע פֶעלְקֶער, דֶערִיבֶּער גֵייט יֶעדְן טָאג אַרוֹיס אַ מַלְאָךְ פוּן הִימְל אוּן ווִיל פַארְלֶענְדְן דִי וֶועלְט חַס וְשָׁלוֹם, אָבֶּער וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זֶעט ווִי עֶס זִיצְן מְלַמְּדִים מִיט קִינְדֶער תִּינוֹקוֹת שֶׁל בֵּית רַבָּן, נִישְׁט קַיין חִילוּק וֶועלְכֶע יָארְגַאנְג דִי קִינְדֶער זֶענֶען, דִי קִינְדֶער ווִילְן לוֹיפְן צוּם שְׁפִּילְן, אוּן דֶער מְלַמֵּד אַרְבֶּעט בִּיטֶער שְׁוֶוער, עֶר פְּרוּבִּירְט נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל אַרַיינְצוּלֵייגְן אִין דִי קִינְדֶער דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, דִי הֵיילִיגֶע אֱמוּנָה, דִי הֵיילִיגֶע יִרְאַת שָׁמַיִם, קְדוּשָׁה, מִידוֹת טוֹבוֹת, אֱמוּנָה אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אֱמוּנַת חֲכָמִים, עֶר זִינְגְט מִיט זֵיי דִי הֵיילִיגֶע חוּמָשׁ, דִי הֵיילִיגֶע תְּהִלִּים, דִי הֵיילִיגֶע 'מוֹדֶה אֲנִי' אוּן דִי הֵיילִיגֶע מִצְוַת צִיצִית, - שְׁטֶעלְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אָפּ דֶעם מַלְאָךְ, עֶר אִיז מְבַטֵּל אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע גְזֵירוֹת, אוּן דִי וֶועלְט גֵייט וַוייטֶער אָן בִּזְכוּת דִי מְלַמְּדִים!

### דִי וֶועלְט שְׁטֵייט אוֹיף דִי מְלַמְּדִים

טֵייעֶרֶע מְלַמְּדִים, עֶטְץ זָאלְטְס וִויסְן, דִי וֶועלְט שְׁטֵייט אוֹיף עֶנְק. וִוי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (שַׁבָּת קיט:): **"אֵין הָעוֹלָם מִתְקַיֵּים אֶלָּא בִּשְׁבִיל הֶבֶל תִּינוֹקוֹת שֶׁל בֵּית רַבָּן"**, דִי וֶועלְט שְׁטֵייט אוֹיף דִי לִימוּד הַתּוֹרָה פוּן תִּינוֹקוֹת שֶׁל בֵּית רַבָּן.

נָאךְ זָאגְן חֲזַ"ל (שָׁם): **"אֵינוֹ דוֹמֶה הֶבֶל שֶׁיֵּשׁ בּוֹ חֵטְא לְהֶבֶל שֶׁאֵין בּוֹ חֵטְא"**, עֶס אִיז נִישְׁט קַיין פַארְגְלַייךְ דָאס לֶערְנֶען פוּן אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן - צוּ דָאס לֶערְנֶען פוּן קִינְדֶער וָואס הָאבְּן נָאךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעזִינְדִיגְט.

זִיצְט זִיךְ אַ מְלַמֵּד מִיט אַפָּאר קִינְדֶערְלֶעךְ, עֶר לֶערְנְט מִיט זֵיי פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דִי גַאנְצֶע וֶועלְט שְׁטֵייט אוֹיף אִים!

וֶוער וֵוייסְט וָואס פַאר אַ גְזֵירוֹת דֶער מְלַמֵּד שְׁפָּארְט אַיין פוּן דִי וֶועלְט, מִיר וֵוייסְן דָאךְ נִישְׁט וִויפִיל גְזֵירוֹת עֶס שְׁוֶועבְּט אוֹיף דֶער וֶועלְט, מִיר הָאבְּן דָאךְ גֶעזֶען דֶעם פַארְגַאנְגֶענֶעם שִׂמְחַת תּוֹרָה וִוי מַלְאֲכֵי חַבָּלָה, דִי אַרַאבֶּער, זֶענֶען אַרַיין גֶעקוּמֶען צוּ אִידִישֶׁע הַייזֶער אוּן אוֹיסְגֶע'שָׁחְטְ'ן אִידִישֶׁע קִינְדֶער, וָואס וֵוייסְן מִיר וָואס גֵייט זַיין דֶעם קוּמֶענְדִיגְן מִינוּט? מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פַארְלָאזְן אוֹיף דִי פָּאלִיצֵיי אוּן מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פַארְלָאזְן אוֹיף קֵיינֶעם, וֶוער וֶועט אוּנְז אָפְּהִיטְן? דִי מְלַמְּדִים וָואס זִיצְן מִיט דִי קִינְדֶער אוּן לֶערְנֶען מִיט זֵיי דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, זֵיי הַאלְטְן צוּרִיק אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע גְזֵירוֹת פוּן דִי וֶועלְט.

### עֶס אִיז אַ מְלֶאכֶת שָׁמַיִם

טֵייעֶרֶע מְלַמְּדִים אִיךְ וִויל עֶנְק מְחַזֵּק זַיין, עֶטְץ זָאלְטְס וִויסְן אַז עֶנְקֶער אַרְבֶּעט אִיז מְלֶאכֶת הַקּוֹדֶשׁ - אַ הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט!

מֵיינְט נִישְׁט אַז אַ מְלַמֵּד אִיז אַ 'גָארְנִישְׁט', אַ מְלַמֵּד אִיז אַ 'שְׁמַאטֶע', וַוייל עֶר טוֹיגְט צוּ גָארְנִישְׁט אִיז עֶר גֶעוָוארְן אַ מְלַמֵּד, - נֵיין! זַיין אַ מְלַמֵּד אִיז אַ הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט, אַזוֹי וִוי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן אוֹיף סוֹפְרִים (עֵירוּבִין יג.): **"הֱוֵי זָהִיר בִּמְלַאכְתְּךָ שֶׁמְּלַאכְתְּךָ מְלֶאכֶת שָׁמַיִם הִיא"**, דִי זֶעלְבֶּע אַרְבֶּעט אִיז מְלַמְּדוּת,

עס איז אַ מְלֶאכֶת שָׁמַיִם; ווילן מיר רעדן פון אַפָּאר נְקוּדוֹת וואס איז וויכטיג צו וויסן.

## גוט שְׁלָאפְן בַּייְנאַכְט

אַ מְלַמֵּד דארף גוט שְׁלָאפְן בַּייְנאַכְט כְּדֵי ער זאל זיין אויסגערוהט.

איך בעט ענק מיינע טייערע מְלַמְּדִים, גייט נישט אין ערגעץ בַּייְנאַכְט; אויב מָארְגְן איז דא חֵדֶר, גייט שְׁלָאפְן פְרִי צו זיין אויסגערוהט.

אַז מען קומט אין חֵדֶר מידערהייט דארף מען תְּשׁוּבָה טוּן, ווייל ווען מען איז מיד קען מען נישט געהעריג האלטן קאפּ, און זאכן וואס שטערט נישט סְתָּם אַזוי, קען יא שטערן אויב מען איז מיד; אויך איז אַנְדֶערְשׁ ווען מען רעדט צו די קינדער, ווען מען איז מיד קומען די ווערטער אַרוֹיס זייער שארף, און ווען מען איז אויסגערוהט קומען די ווערטער אַרוֹיס שיין און זיס.

## עֶסְן פאר מען גייט אַרַיין אין כִּתָּה

נאך אַ זאך בעט איך ענק טייערע מְלַמְּדִים: מען קען נישט קומען אין חֵדֶר נאר אויב מען האט געגעסן, אַזוי ווערט גע'פַּסְקְ'נְט אין שֻׁלְחָן עָרוּךְ אין הִלְכוֹת מְלַמְּדִים (יוֹרֶה דֵעָה, סִימָן רמה, סְעִיף יז).

אויב עס מאכט זיך אַז אַ מְלַמֵּד איז אויפגעשטאנען שפּעט און ער דארף אַרַיינְגֵיין אין כִּתָּה פארן דאווענען, דארף ער פְרֶעגְן אַ שְׁאֵלָה אויב ער מעג אַרַיינְגֵיין אין כִּתָּה פארן עסן, אָדער ער זאל עפּעס איבערבייסן פארן אַרַיינְגֵיין אין כִּתָּה, ווייל מען טאר נישט אַרַיין גיין אין כִּתָּה אויב מען איז הוּנְגֶעריג.

מען קען נישט קומען אין חֵדֶר ווי אַ פְּלִיטֶע, אַ מְלַמֵּד דארף גוט שְׁלָאפְן און גוט עֶסְן. דער הייליגער רֶבִּי האט אַמָאל געזאגט: **"מען קען נישט זיין קיין ערליכער איד נאר אַז מען רעדט צום אייבערשטן"**, האט מען געפרעגט דעם רֶבִּי'ן: **"עס זענען דאך דא מענטשן וואס רעדן נישט צום אייבערשטן און דאך זענען זיי ערליך?"** האט דער רֶבִּי געזאגט: **"זיי זענען טאקע ערליכע אידן אָבער זיי זענען 'פְּלִיטֶעס', זיי זענען אֲנָשִׁים מְבֹהָלִים וּמְבֻלְבָּלִים"** (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רכח), די זעלבע זאך זאג איך ענק, אַז מען קומט אַרַיין אין כִּתָּה ווען מען איז מיד און הוּנְגֶעריג - איז מען אַ פְּלִיטֶע, מען איז מְבֹהָל און מְבוּלְבָּל.

איך בעט ענק טייערע מְלַמְּדִים, געדענקט: 'הֱוֵי זָהִיר בִּמְלַאכְתְּךָ שֶׁמְּלַאכְתְּךָ מְלֶאכֶת שָׁמַיִם הִיא', ענקער אַרבעט איז אַ הייליגע אַרבעט, מען דארף זיין גוט אויסגערוהט און זאט, און פאר מען גייט אַרַיין אין כִּתָּה דארף מען בעטן דעם אייבערשטן מען זאל מַצְלִיחַ זיין מיט די קינדער.

## זיין פארגעקוקט וואס מען גייט לערנען

עס איז נישטא אַזאַ זאך אַז אַ מְלַמֵּד זאל אַריינקומען אין כִּתָּה אויב ער האט זיך נישט אָנגעגרייט וואס צו לערנען. מען קען נישט שטיין ביים טיר מיט אַ חוּמָּשׁ און טְרַאכְטְן: וועלכע סֶדְרָה גייט די וואך? אָהָ, וַיֵּצֵא! לָאמִיר זען צי איך קען די טייטש, וַיֵּצֵא יַעֲקֹב - יַעֲקֹב איז אַרויסגעגאנגען...'

ווי קען זיין אַזאַ זאך אַז אַ מְלַמֵּד זאל זיך כאפּן פארן אַריין גיין אין כִּתָּה אַז ער האט זיך נאכנישט פארגעקוקט וואס ער גייט פארלערנען?! אַ מְלַמֵּד דארף זיך שוין פארקוקן אַ וואך פאראויס די חוּמָּשׁ פון דעם קומענדיגן וואך! די זעלבע זאך איז מיט מִשְׁנָיוֹת, גְמָרָא, און מיט אַלע לִימוּדִים וואס מען לערנט מיט די קינדער, מען מוז זיך אָנגרייטן פארדעם, עס איז דאך אַ הייליגע אַרבעט!

עס זענען דא תַּלְמוּד תּוֹרָה'ס וואס האבן אַ קאמפּיוטער פאר די מְלַמְּדִים (פארשטייט זיך וואס איז געפילטערט און אויסגעהאלטן) צו קענען אָנגרייטן חוֹמֶר פון די לִימוּדִים פאר די קינדער, דארף מען וויסן, אין די צייט וואס מען דארף זיין מיט די קינדער קען מען נישט זיצן ביים קאמפּיוטער, מען קען אָנגרייטן דעם חוֹמֶר פאר מען דארף זיין מיט די קינדער.

## נישט האלטן בַּיי זיך דעם טעלעפאון בְּשַׁעַת מען זיצט מיט די קינדער

איך ווייל ענק בעטן, מיינע טייערע מְלַמְּדִים: אין די צייט וואס מען דארף זיין מיט די קינדער ניצט נישט קיין טעלעפאון.

איך בעט פון מיינע מְנַהֲלִים מען זאל נאר אויפנעמען אַזעלכע מְלַמְּדִים וואס האבן פְּשׁוּט'ע טעלעפאונס, אָבער אויך די פְּשׁוּט'ע טעלעפאונס נעמט אַוועק דער מוֹחַ פונעם מְלַמֵּד.

'איי וואס וועט זיין אויב עס וועט עפּעס געשען וואס מיין ווייב וועט מיר וויכטיג דארפן רופן' - האב נישט מוֹרָא, דיין ווייב וועט שוין טרעפן אַ וועג אָנצוקומען צו דיר, אָבער דעם טעלעפאון לייג אין די זייט, יעצט ביסטו אַ מְלַמֵּד, דיין גאנצע קאפּ מוֹחַ מַחֲשָׁבָה דארף זיין מיט די קינדער.

## מעלדן פאראויס די טעג וואס מען גייט פעלן

אַ מְלַמֵּד מוז טראָגן אַ מוֹרָא'דיגע אַחֲרָיוּת, מען קען נישט פעלן פון חֵדֶר אָן מוֹדִיעַ זיין פארדעם אַז מען גייט פעלן, און מען קען נישט אויפשטיין שפּעט און רופן דעם מְנַהֵל זאגן: **"איך בין פארשלאפן, נעם אַ צווייטן ביז איך קום אָן אין חֵדֶר"**, עס איז נישטא אַזאַ זאך.

אויב אַ מְלַמֵּד ווייסט אַז ער גייט אַוועקפארן צו אַ שִׂמְחָה, דארף ער אָפּשמועסן מיט'ן מְנַהֵל פאראויס פּינקטליך ווען און וויפיל ער גייט פעלן.

## אַרבעטן אינאיינעם מיט'ן מְנַהֵל

בָּרוּךְ הַשֵּׁם מיר האבן זייער גוטע מְנַהֲלִים. עס גייט נישט אַריבער אַפּאר שָׁעָה אין טאג וואס די מְנַהֲלִים זענען נישט בְּקֶשֶׁר מיט מיר, זיי געבן מיר איבער אַ פּינקטליכע באריכט פון יעדע אָטעם פון יעדער מְלַמֵּד און יעדן קינד.

איך ווייל די מְלַמְּדִים זאלן אַרבעטן אינאיינעם מיט די מְנַהֲלִים. פּינקט אַזוי ווי קינדער שפּירן צי טאטע מאמע זענען אויף איין בלאט, און אויב חַס וְשָׁלוֹם טאטע מאמע קריגן זיך פאלן די קינדער קָרְבָּנוֹת, די זעלבע זאך איז אין חֵדֶר צווישן דער מְלַמֵּד און מְנַהֵל, קינדער שפּירן גלייך צי דער מְלַמֵּד מיט'ן מְנַהֵל זענען אויף איין בלאט.

אַז דער מְלַמֵּד גייט זיך אויף זיין וועג און דער מְנַהֵל ציט צו אַן אַנדערע וועג, וואס פאר אַ הַצְלָחָה קען שוין זיין?! - מען מוז אַרבעטן אינאיינעם, בִּפְרַט אַז די מְנַהֲלִים זענען נאר דא פאר די טוֹבָה און הַצְלָחָה פון די קינדער, און זיי טוען נאר וואס איך זאג זיי און איך בעט זיי.

## אויב מען אַרבעט נישט צוזאמען איז נישטא קיין הַצְלָחָה

איך האב שוין געהאט אין די פארגאנגענהייט פעלער וואס איך האב געדארפט זאגן פאר גוטע מְלַמְּדִים ביי אונז אין מוֹסָד: "קוק אַהער, **אויב קענסטו נישט אַרבעטן צוזאמען מיט מיין מְנַהֵל קענסטו נישט זיין דא מְלַמֵּד, דו ביסט זייער געלונגען אָבער איך וואלט דיר גע'עֵצָה'ט דו זאלסט גיין אין אַ צווייטע תַּלְמוּד תּוֹרָה ווערן אַ מְנַהֵל, אָדער וועט מען דיך אֶפְשָׁר איין טאג אויפנעמען ביי אונז פאר מְנַהֵל, אָבער ווילאנג דו ביסט דא מְלַמֵּד מוזטו האבן הַכְנָעָה פארן מְנַהֵל**". און אַז דער מְלַמֵּד האט מיר געפרעגט: **"פארוואס נעמט זיך דער ראש ישיבה אָן פארן מְנַהֵל, אֶפְשָׁר בין איך גערעכט?!"** האב איך אים געזאגט: **"קען זיין דו ביסט טאקע גערעכט, אָבער אויב ביסטו דער 'מְלַמֵּד' און ער איז דער 'מְנַהֵל' - מוזטו**

## שִׁיעוּרִים אִין חִינוּךְ (הֶמְשֵׁךְ)

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

**הָאבְּן אַבִּיסְל הַכְנָעָה פַאר אִים, אַז נִישְׁט וֶועט עֶס נִישְׁט אַרְבֶּעטְן".**

אוֹיבּ דִי מְלַמְדִים נֶעמֶען נִישְׁט אָן דֶעם מְנַהֵל, אִיז אַ שָׁאד פַאר מַיין כֹּחַ, אַ שָׁאד פַאר דַיין כֹּחַ, אוּן אַ שָׁאד פַארְן מְנַהֵל'ס כֹּחַ, עֶס וֶועט נִישְׁט זַיין קַיין הַצְלָחָה.

### זִיךְ דוּרְכְשְׁמוּעֶסְן מִיטְן מְנַהֵל אַלֶע פְּרָאגְרַאמֶען

יֶעדֶע פְּרָאגְרַאם וָואס דוּ ווִילְסְט מַאכְן אִין חֵדֶר, זָאלְסְטוּ עֶס פַארְדֶעם דוּרְכְשְׁמוּעֶסְן מִיטְן מְנַהֵל, אוּן אַז דוּ ווִילְסְט מַאכְן אַן אוֹיסְפְלוּג (טְרִיפּ) פַאר דִי קִינְדֶער, דוּ ווִילְסְט עֶרְגֶעץ גֵיין מִיט דִי קִינְדֶער, מוּז עֶס זַיין מִיט רְשׁוּת פוּנֶעם מְנַהֵל.

יָארְן צוּרִיק הָאבּ אִיךְ גֶעהַאט אַ מְלַמֵד וָואס הָאט גֶעטֵיילְט פַאר דִי קִינְדֶער גֶעלְט, אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען וִוי מַיינֶע קִינְדֶער קוּמֶען אַהֵיים מִיט גְרוֹיסֶע גֶעלְטֶער, הָאבּ אִיךְ גֶעפְרֶעגְט דֶעם מְלַמֵד: **"וָואס הֵייסְט דוּ טֵיילְסְט גֶעלְט אוּן דֶער מְנַהֵל וֵוייסְט נִישְׁט דֶערְפוּן?!"**

וִוי קְלוּג דֶער מְלַמֵד אִיז, דַארְף עֶר זִיךְ נָאכְאַלְץ אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן מִיטְן מְנַהֵל, וַוייל דֶער מְנַהֵל וֵוייסְט וָואס אִיךְ ווִיל, עֶס זֶענֶען דָא גֶעווִיסֶע זַאכְן וָואס אִיךְ בִּין נִישְׁט מַסְכִּים מֶען זָאל עֶס טוּן בַּיי מִיר אִין חֵדֶר.

אַ בֵּיישְׁפִּיל, אִיךְ הַאלְט נִישְׁט פוּן טֵיילְן פַאר קִינְדֶער גֶעלְט אָדֶער גְרוֹיסֶע פְּרָסִים. וָואס דוּ ווִילְסְט טֵיילְן פַאר דִי קִינְדֶער זָאלְסְטוּ פַארְדֶעם פְרֶעגְן דֶעם מְנַהֵל, זַיי אִים מַסְבִּיר וָואס דוּ ווִילְסְט טוּן, אוּן אוֹיבּ עֶר וֶועט דִיר זָאגְן אַז מֶען קֶען עֶס נִישְׁט טוּן, וֶועט מֶען מוּזְן אַרְבֶּעטְן צוּזַאמֶען.

מֶען רֶעדְט נִישְׁט דָא פוּן 'פָאלְגְן'; אַ מְנַהֵל אִיז נִישְׁט קַיין טַאטֶע, אַ מְנַהֵל אִיז נִישְׁט קַיין מַאמֶע, אוּן אַ מְנַהֵל אִיז נִישְׁט קַיין בַּעַל הַבַּיִת, אָבֶּער כְּדֵי עֶס זָאל זַיין הַצְלָחָה דַארְף מֶען 'אַרְבֶּעטְן אִינְאֵיינֶעם'.

### זִיךְ דוּרְכְשְׁמוּעֶסְן מִיטְן מְנַהֵל דִי לִימוּדִים

אוֹיךְ דַארְף מֶען דוּרְכְשְׁמוּעֶסְן מִיטְן מְנַהֵל אַלֶעס וָואס מֶען ווִיל לֶערְנֶען מִיט דִי קִינְדֶער, מֶען קֶען נִישְׁט אַלֵיינְס בַּאשְׁלִיסְן אָנְצוּהֵייבְּן לֶערְנֶען נֵייעֶ זַאכְן אִין חֵדֶר.

אַז דוּ ווִילְסְט לֶערְנֶען 'הִלְכוֹת שַׁבָּת' מִיט דִי קִינְדֶער קֶענְסְטוּ נִישְׁט אַלֵיינְס אָפְּמַאכְן אוּן זָאגְן פַאר דִי קִינְדֶער: **"אַלֶע קִינְדֶער זָאלְן מָארְגְן בְּרֶענְגֶען 'מִשְׁנָה בְּרוּרָה חֵלֶק ג'', מֶען גֵייט לֶערְנֶען הִלְכוֹת שַׁבָּת"**, בַּארוּאִיג זִיךְ, פְּרֶעג דֶער מְנַהֵל צִי מֶען קֶען דָאס טוּן, אוּן דֶער מְנַהֵל וֶועט דִיר זָאגְן: **"מֶען קֶען נִישְׁט לֶערְנֶען מִיט קְלֵיינֶע קִינְדֶער מִשְׁנָה בְּרוּרָה"**, אֶפְשָׁר וֶועט דִיר דֶער מְנַהֵל עֵצָה'נֶען צוּ לֶערְנֶען 'קִיצוּר שֻׁלְחָן עָרוּךְ', אָדֶער 'דֶרֶךְ הַחַיִּים' וָואס אִיז גְרִינְגֶער פַאר קִינְדֶער צוּ פַארְשְׁטֵיין. רֶעד מִיטְן מְנַהֵל, פְּרֶעג אִים: **"וֶועלְכֶע סֵפֶר זָאל אִיךְ לֶערְנֶען מִיט דִי קִינְדֶער, וֶועלְכֶע סֵפֶר אִיז גוּט פַאר דֶעם יָארְגַאנְג"**, מַאךְ נִישְׁט קַיין אֵייגֶענֶע זַאכְן.

אַ גַבַּאי פוּן אֵיינֶע פוּן דִי בָּתֵּי מֶדְרָשִׁים אִין שְׁטֶעטְל הָאט מִיר גֶעזָאגְט אַז עֶר הָאט גֶעמַאכְט אַ שִׁיעוּר אִין זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ פַאר דִי קִינְדֶער שַׁבָּת צוּפְרִי, הָאבּ אִיךְ אִים גֶעפְרֶעגְט: **"דוּ 'זָאגְסְט' מִיר אָדֶער דוּ 'פְרֶעגְסְט' מִיר? - וָואס אִיז דִי מַעֲשֶׂה מִיט דִיר? דוּ הָאסְט נִישְׁט וָואס צוּ טוּן? דוּ מַאכְסְט אַ שִׁיעוּר אִין זוֹהַר פַאר קִינְדֶער?!"** פְרֶעגְט עֶר מִיר: **"דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה לֶערְנְט דָאךְ אוֹיךְ פָאר זוֹהַר אִין בֵּית הַמֶדְרָשׁ אִין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג?"** הָאבּ אִיךְ אִים גֶעזָאגְט: **"אִיךְ לֶערְן נִישְׁט פָאר, אִיךְ לֶערְן אַבִּיסְל זוֹהַר מִיט מַיינֶע קִינְדֶער אוּן אַז אַפָּאר בָּחוּרִים ווִילְן זִיךְ צוּזֶעצְן - לָאז אִיךְ זֵיי; אַז דוּ ווִילְסְט מַאכְן אַ שִׁיעוּר פַאר דִי קִינְדֶער שַׁבָּת צוּפְרִי, מַאךְ אַ 'חֶבְרַת תְּהִלִּים'"**.

הֶמְשֵׁךְ פוּנֶעם שִׁיעוּר אי"ה קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ

## בִּרְיוֹן פוּן חִינוּךְ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

### מֶעג מֶען גֶעבְּן פֶּעטְשׁ פַאר קִינְדֶער וֶוען עֶס הֶעלְפְט נִישְׁט עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיר זָאגְט אַסַאךְ מָאל אַז חִינוּךְ אִיז רֶעדְן צוּ קִינְדֶער - נִישְׁט שְׁלָאגְן, אוּן אוֹיבּ דַארְף מֶען יָא שְׁלָאגְן זָאל עֶס זַיין נָאר אַ קְלֵיין פֶּעטְשְׁל אוֹיף דִי הַאנְט. וָואס טוּ אִיךְ אָבֶּער וֶוען מַיין נַיין יֶעריג אִינְגְל הַאלְט נִישְׁט בַּיים פָאלְגְן אוּן עֶס הֶעלְפְט נִישְׁט קַיין רֶעדְן מִיט גוּטְן אָדֶער בֵּייזְן?

סְפֶּעצִיֶעל וֶוען עֶס קוּמְט בַּיינַאכְט, דִי צַייט וֶוען מֶען שִׁיקְט אִים אַרַיין אִין בֶּעט, אִיז מַמָּשׁ נִישְׁטָא צוּ וֶועם צוּ רֶעדְן, עֶר הֶערְט מַמָּשׁ נִישְׁט וָואס מֶען רֶעדְט צוּ אִים. אֶפְשָׁר אִין אַזַא סִיטוּאַצִיֶע מֶעג עֶר יָא בַּאקוּמֶען אַ פַּאטְשׁ אוֹיפְ'ן פָּנִים.

אִיךְ וֶועל זִיךְ פְרֵייעֶן אוֹיבּ אִיר קֶענְט מִיר קְלָאר מַאכְן אִין דֶעם עִנְיָן.

יְיַשֵׁר כֹּחַ.

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת שְׁמִינִי-ב, כ"ג נִיסָן, אִסְרוּ חַג פֶּסַח, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט מֶען זָאל נִישְׁט שְׁלָאגְן קַיין קִינְדֶער; אַז מֶען טְרַאכְט גוּט אַרַיין זֶעט מֶען אַז פֶּעטְשׁ אִיז בִּכְלָל נִישְׁט קַיין חִינוּךְ, נָאר וֶוען מֶען שְׁלָאגְט אַ קִינְד אִיז דָאס נָאר אוֹיסְצוּגֶעבְּן דִי נֶערְוְון. דֶעריבֶּער טָאר מֶען נִישְׁט שְׁלָאגְן קַיין קִינְדֶער; נִישְׁט נָאר עֶס וֶועט נִישְׁט הֶעלְפְן, עֶס וֶועט נָאר מַאכְן אַסַאךְ עֶרְגֶער וְכוּ'.

אַוַדַאי דַארְף מֶען אַכְטוּנְג גֶעבְּן אַז אַ וָוארְט פוּן אַ טַאטֶע אוּן מַאמֶע זָאל זַיין טֵייעֶר אוּן חָשׁוּב. אַזוֹי אוֹיךְ דַארְפְן קִינְדֶער פָאלְגְן; מֶען בַּאלוֹינְט זֵיי פַארְ'ן פָאלְגְן אוּן מֶען קַנְס'עט זֵיי אוֹיבּ זֵיי פָאלְגְן נִישְׁט. לְמָשָׁל, אוֹיבּ דֶער קִינְד פָאלְגְט נִישְׁט - עֶר גֵייט נִישְׁט שְׁלָאפְן וֶוען מֶען הֵייסְט אִים, וָוארְנְט מֶען אִים אַז עֶר וֶועט נִישְׁט קֶענֶען שְׁפִּילְן וְכוּ', אָבֶּער נִישְׁט שְׁלָאגְן. שְׁלָאגְן הָאט גָארְנִישְׁט מִיט חִינוּךְ, דָאס אִיז סְתַּם זִיךְ אוֹיסְגֶעבְּן דִי נֶערְוְון.

בְּנוֹגֵעַ דַיין זוּן וָואס עֶר פָאלְגְט נִישְׁט אוּן מַאכְט זִיךְ נִישְׁט וואוּסְנְדִיג וְכוּ'; אַסַאךְ מָאל וֶוען אַ קִינְד דַארְף אַסַאךְ אוֹיפְמֶערְקְזַאמְקֵייט (תְּשׂוּמַת לֵב) אוּן עֶר בַּאקוּמְט עֶס נִישְׁט, זוּכְט עֶר אַן אוֹפָן ווִי אַזוֹי עֶר קֶען אוֹיפְרֶעגְן וְכוּ', כְּדֵי צוּ גֶעוואוּנֶען אוֹיפְמֶערְקְזַאמְקֵייט. דֶערְפַאר וֶוען מֶען זֶעט אַז אַ קִינְד פָאדֶערְט מֶער תְּשׂוּמַת לֵב, דַארְף מֶען אִים דָאס גֶעבְּן נָאךְ פַאר עֶר הֵייבְּט אָן שְׁטֶערְן. קְלוּגֶע עֶלְטֶערְן, וֶוען זֵיי זֶעעֶן ווִי אַ קִינְד הֶערְט נִישְׁט וָואס מֶען רֶעדְט צוּ אִים, הֵייבְּן זֵיי אִים אוֹיף; לְמָשָׁל, מֶען זָאגְט הוֹיךְ: "קוּקְט ווִי שֵׁיין עֶר פָאלְגְט - עֶר גֵייט אַרַיין אִין בֶּעט מִיט אֵיין מָאל הֵייסְן"; "דוּ בִּיסְט אַזַא צַדִיק, דוּ פָאלְגְסְט מִיט אֵיין מָאל הֵייסְן". צוּ גוּטֶע וֶוערְטֶער כַאפְּט זִיךְ יֶעדֶער

צוּ; יֶעדֶער וִויל זַיין פוּן דִי גוּטֶע.

פַּארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז אָן תְּפִילָה נוּצְט נִישְׁט גָארְנִישְׁט; מֶען קֶען וִויסְן אַלֶע עֵצוֹת מִיט אַלֶע חָכְמוֹת, אָבֶער אָן תְּפִילָה, אָן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן – קֶען מֶען גָארְנִישְׁט טוּן. מֶען דַארְף אַסַאךְ דַאוֶוענֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער, בָּנִים וּבְנֵי בָנִים עוֹסְקִים בַּתּוֹרָה וּבְמִצְוֹות.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

(עצתו אמונה חלק ד׳, מכתב רצה)

## וָואס טוּ אִיךְ מִיט מַיינֶע קִינְדֶער וָואס הַאלְטְן נִישְׁט בַּיים אַיינְזִיצְן בַּיים שַׁבָּת טִישׁ?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער ראֹשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעהוֹיבְּן הֶערְן אַייעֶרֶע שִׁיעוּרִים דֶעם פַארְגַאנְגֶענֶעם זוּמֶער אוּן דָאס הָאט מִיר זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעטוֹישְׁט צוּם גוּטְן אִין אַלֶע הִינְזִיכְטְן, ווִי אוֹיךְ הָאבּ אִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן לֶערְנֶען תּוֹרָה יֶעדְן טָאג, אִיךְ בִּין מַעֲבִיר סֶדְרָה אוּן אִיךְ זָאג יֶעדְן טָאג דְרֵיי פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת; אִיךְ שְׁפִּיר זִיךְ מַמָּשׁ ווִי אַ נַייעֶר מֶענְטְשׁ.

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן אִיבֶּער דֶעם וָואס דֶער ראֹשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א זָאגְט אַלְץ אַז מֶען זָאל דֶערְצֵיילְן מַעֲשִׂיּוֹת פַאר דִי קִינְדֶער בַּיים שַׁבָּת טִישׁ, אִיךְ פְּרוּבִּיר דִי לֶעצְטֶע פָּאר וָואכְן צוּ דֶערְצֵיילְן מַעֲשִׂיּוֹת בַּיים טִישׁ, אָבֶער מַיינֶע קִינְדֶער הֶערְן מִיךְ בִּכְלָל נִישְׁט אוֹיס, זֵיי קְרִיגְן זִיךְ אַרוּם דוּרְכְאוֹיס דִי גַאנְצֶע סְעוּדָה, אִיז דָא עֶפֶּעס אַן עֵצָה אוֹיף דֶעם?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ – יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת חַיֵּי שָׂרָה, כ"א מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

מֵיין נִישְׁט אַז נָאר דַיינֶע קִינְדֶער זֶענֶען ווִילְד אוּן שְׁפְּרִינְגֶעדִיג וְכוּ׳, דָאס אִיז דִי גֶעזוּנְטֶע נַאטוּר פוּן קִינְדֶער; גֶעזוּנְטֶע קִינְדֶער שְׁפְּרִינְגֶען אוּן קְרִיגְן זִיךְ בַּיים שַׁבָּת טִישׁ אוּן דִי אַרְבֶּעט פוּן דִי עֶלְטֶערְן אִיז צוּ פְּרוּבִּירְן מִיט אַלֶע חָכְמוֹת צוּ מַאכְן אַז דִי סְעוּדָה זָאל זַיין אִינְטֶערֶעסַאנְט.

וֶוען מֶען הָאט עֶלְטֶערֶע אוּן יוּנְגֶערֶע קִינְדֶער אִינְדֶערְהֵיים דַארְף מֶען מַאכְן דִי סְעוּדָה אִינְטֶערֶעסַאנְט פַאר בֵּיידֶע. מֶען קֶען נִישְׁט פַארְלַאנְגֶען פוּן קְלֵיינֶע קִינְדֶער צוּ זִיצְן בַּיים טִישׁ בְּמֶשֶׁךְ דִי גַאנְצֶע סְעוּדָה, דֶערִיבֶּער אִיז גוּט אַז אָנְהוֹיבּ סְעוּדָה זָאל מֶען מֶער רֶעדְן צוּ דִי קְלֵיינְטְשִׁיגֶע קִינְדֶער, ווִילַאנְג זֵיי הַאלְטְן נָאךְ מִיט דִי סְעוּדָה, אוּן שְׁפֶּעטֶער וֶוען דִי קְלֵיינֶע קִינְדֶער גֵייעֶן זִיךְ שְׁפִּילְן – זָאל מֶען מֶער פַארְבְּרֶענְגֶען מִיט דִי עֶלְטֶערֶע; מֶען גֵייט אִיבֶּער דִי פַּרְשָׁה, מֶען פְרֶעגְט יֶעדְן קִינְד אַ שְׁאֵלָה אוּן מֶען פַארְבְּרֵייטֶערְט דֶעם תֵּירוּץ מִיט אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע מִדְרָשִׁים וְכוּ׳.

פַּארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז מִיט אַלֶע חָכְמוֹת אוּן עֵצוֹת דַארְף מֶען מַאכְן אַסַאךְ תְּפִילוֹת יֶעדֶע וָואךְ פַאר שַׁבָּת קוּמְט צוּ גֵיין אַז מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ שַׁבָּת מִיט דִי וַוייבּ אוּן קִינְדֶער. ווַייל דֶער יֵצֶר הָרָע צִיטֶערְט זֵייעֶר פוּנֶעם שַׁבָּת, עֶר ווֵייסְט אַז שַׁבָּת אִיז אַ צַייט וָואס דֶער אִיד קְלֶעבְּט זִיךְ צוּ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן שַׁבָּת בּוֹיט דֶער אִיד זַיין שְׁטוּבּ, זַיין וַוייבּ אוּן זַיינֶע קִינְדֶער, דֶערְפַאר מַאכְט עֶר עֶס זָאל זַיין מַחֲלֹקֶת אוּן אָנְגֶעצוֹיגְנְקֵייט, אַבִּי דֶער שַׁבָּת זָאל זַיין צֶעשְׁטֶערְט. אַזוֹי ווִי דֶער הֵיילִיגֶער חִידָ"א זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ זָאגְט אִין סֵפֶר עֲבוֹדַת הַקּוֹדֶשׁ (מוֹרֶה בְּאֶצְבַּע סִימָן ד, אוֹת קמ) אַז עֶרֶב שַׁבָּת קוּמְט דֶער שָׂטָן אִין יֶעדֶע אִידִישֶׁע שְׁטוּבּ אוּן מַאכְט עֶס זָאל אוֹיסְבְּרֶעכְן אַ מַחְלוֹקָה צְווִישְׁן מַאן אוּן וַוייבּ; עֶר הָאט זֵייעֶר מוֹרָא וֶוען מַאן אוּן וַוייבּ פַארְטְרָאגְן זִיךְ, בְּעִיקָר אוּם שַׁבָּת קוֹדֶשׁ, ווַייל וֶוען מַאן אוּן וַוייבּ פַארְטְרָאגְן זִיךְ אוּן לֶעבְּן צוּזַאמֶען בְּאַהֲבָה וְשָׁלוֹם דֶעמָאלְט הָאט עֶר נִישְׁט קַיין שׁוּם שְׁלִיטָה אוֹיף זֵיי, אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידּוֹת אוֹת מְרִיבָה, סִימָן סו): "בִּמְקוֹם מְרִיבָה שָׁם הַשָּׂטָן", דָארְט וואוּ מֶען קְרִיגְט זִיךְ דָארְט אִיז דֶער שָׂטָן; נָאךְ זָאגְט דֶער רֶבִּי (שָׁם אוֹת שָׁלוֹם, סִימָן יח): "הַבְּרָכָה בָּא עַל יְדֵי שָׁלוֹם"; אוֹיבּ מֶען אִיז בְּשָׁלוֹם וֶועט מֶען הָאבְּן בְּרָכוֹת; דֶערְפַאר דַארְף מֶען זֵייעֶר אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל זִיךְ נִישְׁט קְרִיגְן אוּן מֶען זָאל זִיךְ נִישְׁט בֵּייזֶערְן אוֹיף יֶעדֶע קְלֵיינִיקֵייט וָואס פַּאסִירְט, אַזוֹי אַרוּם וֶועט מֶען נִיצוֹל וֶוערְן פוּנֶעם שָׂטָן אוּן זוֹכֶה זַיין צוּ אַ פְרֵיילִיכֶע שַׁבָּת.

דֶער עִיקָר זָאלְסְטוּ זֶען עֶס זָאל הֶערְשְׁן אַ פְרֵיילִיכֶע אַטְמָאסְפֶער בַּיי דִיר אִין שְׁטוּבּ; אַז דוּ וֶועסְט זַיין פְרֵיילִיךְ וֶועלְן אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען אַוֶועק פַאלְן. קִינְדֶער וַוארְטְן אַ גַאנְצֶע וָואךְ פַארְ'ן הֵיילִיגְן שַׁבָּת – אַ צַייט וָואס מֶען פַארְבְּרֶענְגְט מִיט זֵיי מִיט שִׂמְחָה אוּן מְנוּחָה.

גֶעדֶענְק אַז אַלֶעס וֶוענְדְט זִיךְ אִינֶעם ראֹשׁ הַמִּשְׁפָּחָה; אַז דֶער טַאטֶע אִיז פְרֵיילִיךְ אִיז אַלֶעס גוּט, אוּן אַז דֶער טַאטֶע אִיז נֶערְוֶועז – דֶעמָאלְט אִיז זֵייעֶר בִּיטֶער. דֶער טַאטֶע דַארְף נִישְׁט מַאכְן אַן עֵסֶק פוּן יֶעדֶע קְלֵיינִיקֵייט, נִישְׁט יֶעדֶע זַאךְ דַארְף מֶען זֶען אוּן נִישְׁט יֶעדֶע זַאךְ דַארְף מֶען הֶערְן; אַז דוּ וֶועסְט זַיין פְרֵיילִיךְ וֶועלְן אַלֶע קִינְדֶער הָאבְּן חֵשֶׁק צוּ זִיצְן נֶעבְּן דִיר אוּן זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דִיר בַּיי דִי סְעוּדָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

(עצתו אמונה חלק ו׳, מכתב תסא)

צו באקומען וועכנטליך דעם גליון, ביטע שרייבט צו: jhbul1234@gmail.com

קוֹל בְּרֶסְלֶב

קול ברסלב – שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה און נאך
212-444-9191 / 845-351-0910
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 4383008080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינע 11552354370

קוואל פון חיזוק (פרויען) – שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעספיס; און נאך
845-351-9060 / 212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
חיזוק יומי אימעיל chizikyomi@gmail.com/ טעלעפאן מעסידזשינג 347-630-2876